# משיחת ש״פ תשא תשל״א

ד.ס'איז דער דרך צו לערנען א פירוש רש"י פון פרשת השבוע, וואס ס'איז פאראן ווי דאס קומט אויך בהמשך צו פורים, וואס אין דער פרשה רעדט זיך וועגן חטא העגל און אזוי איז דאס אויך געווען בימי פורים וואס די גזירה איז געקומען צוליב דעם ענין פון "הן לא עשו אלא לפנים" לויט איין דעה, און אזוי אויך לויט דער צווייטער דעה אז די גזירה איז געווען צוליב דעם "נהנה מסעודתו של אותו רשע", איז דאס אויך פאראן אין דער פרשה, ווארום נאך דעם וואס זיי האבן ג'מאכט דעם עגל שטייט "וישב העם לאכול ושתו" וואס דאס איז דער ענין פון נהנה מסעודתו, ועד"ז דאס וואס שטייט נאך דעם "ויקומו לצחק" וואס דאס איז כולל אויך דעם ענין פון ג"ע, איז דאס אויך געווען בימי פורים וואס בשעת הסעודה איז געווען די מעשה מיט ושתי המלכה וואס דאס איז דער ענין פון ג"ע, וכמבואר במדרש,

און פונקט ווי עס איז געווען בימי פורים אז פון די גזירה איז דערנאך געווארן די ביטול הגזירה, אזוי איז דאס אויך געווען ביי דעם חטא העגל, אז לאחרי החטא האט דער אויבערשטער געזאגט משה רבינו "לך עלה מזה", אז פון דעם חטא העגל, מזה, איז מען געקומען צו דער עלי' הבא לאחרי זה, לך עלה, וכתורת הבעש"ט ועת צרה היא ליעקב וממנה, פון דעם עת צרה אליין ווערט יושע, קומט מען צו דער ישועה,

און דער עלי' וואס איז צוגעקומען לאחרי החטא איז געווען נאך העכער אפילו ווי מ'איז געשטאנען לפני החטא, ווארום אידן זיינען דאך מצווה אין דעם ענין פון מעלין בקודש, אז מ' דארף שטענדיק גיין העכער, און דאס וואס דער אויבערשטער הייסט אידן טאן, טוט ער דאס אליין, ווי עס שטייט "מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל", איז פארשטאנדיק אז דער אויבערשטער איז אויך מקיים דער ענין פון מעלין בקודש, אז דאס וואס עס איז געווען דער ירידה בשעת חטא העגל, איז דאס מלכתחלה געווען אז אידן זאלן דערנאך קומען צו א העכערער מדריגה, העכער אפילו ווי זיי זיינען געשטאנען פארן חטא העגל, און דערפאר איז גלייך געווען דער "וידבר ה' אל משה לך עלה מזה",



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 601 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס בכללות איז דאס דער מעלה פון בע"ת אפילו לגבי צדיקים, אז נאך דעם וואס אידן האבן תשובה געטאן אויפן חטא העגל, זיינען זיי געווארן אין די דרגא פון בעלי תשובה וואס דאס איז אן עילוי אפילו לגבי מדריגת הצדיקים אין וואס אידן האבן געשטאנען החטא,

און דערפאר שטייט דא "לך עלה מזה אתה והעם אשר העלית מארץ מצרים", מיט דעם עם וואס דו האסט ארויסגענומען פון ארץ מצרים, וואס הייסט אז דער אויבערשטער זאגט וואס דו האסט ארויסגענומען מארץ מצרים, צו דען האט משה רבינו ארויסגענומען אידן פון מצרים, דער אויבערשטער האט ארויסגענומען אידן פון מצרים, איז וואס מיינט העלית? נאר דאס איז דאך ווי רש"י זאגט פריער אויף כי שחת עמך, אז דאס מיינט די ערב רב וואס משה רבינו האט מיטגענומען ממצרים בשעת די אידן זיינען פון דארט ארויס, און דא האט דער אויבערשטער געזאגט לך עלה מזה אתה והעם אשר העלית מארץ מצרים, אז מ'טוט אויף אן עלי' אפילו אין די ערב רב,

ווארום וויבאלד אז אידן האבן שוין תשובה געטאן אויפן חטא העגל, און זיי האבן באקומען דעם עילוי וואס ס'איז דא אין די עבודה פון בעלי תשובה, ווי עס שטייט דא לך עלה מזה, וואס לך אליין ווייזט שוין אויף א הליכה, אן עלי', און דערנאך ערשט שטייט עלה, וואס דאס ווייזט אויף נאך א העכערע עלי', וואס דאס איז דער אויפטו פון בעלי תשובה, אז א בעל תשובה קען מברר און מעלה זיין אויך די ניצוצות פון ג' קליפות הטמאות, וואס א צדיק קען נאר מברר זיין די ניצוצות פון דבר הרשות, קליפת נוגה, משא"כ דער אויפטו פון א בע"ת איז אז ער קען מעלה זיין אויך די ניצוצות וועלכער געפינען זיך אין ג' קליפות הטמאות לגמרי, דער זדונות נעשה לו כזכיות, איז דערפאר האט דער אויבערשטער דעמולט געזאגט לך עלה אתה והעם אשר העלית, ווייל דעמולט האט מען גע'פועל'ט אן עלי' אויך אין דעם ערב רב, אין ג' קליפות הטמאות.

ווי גערעדט כמה פעמים קען מען ניט פארשטיין ווי די ענינים זיינען למעלה ברוחניות סיידן מ'וועט פריער פארשטיין די ענינים ווי זיי זיינען כפשוטם דא למטה, וואס ס'איז טאקע דער סדר אז מ'נעמט יעדער ענין מלמעלה למטה, אז פון דעם ענין ווי עס איז למעלה ווייסט מען ווי דאס איז למטה, וכידוע די סיפור מיט דעם מיטעלן רבי'ן אז אמאל האט ער געזאגט אן ענין ברפואה, און מ'האט דערנאך געזאגט אז ער איז ניט קיין בקי אין עניני רפואה נאר ער האט געוואוסט די ענינים ווי זיי זיינען אין אדם העליון, וואס דערפון האט ער פארשטאנען אז אזוי איז דאס אויך אין דעם אדם דא למטה, וואס אזוי איז דאס געווען ביי רבותינו נשיאינו, אבער ביי אנשים כערכנו דארף זיין די סדר אז פריער דארף מען פארשטיין די ענינים ווי זיי זיינען דא למטה, דער ענין פון פשטות הכתובים, און דערנאך קען מען פארשטיין ווי די ענינים זיינען למעלה,

וואס דאס איז דער ענין פון פירוש רש"י, ווי רש"י אליין זאגט "ואני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא", און ווי ס'איז דא דער דין אז עס דארף זיין שנים מקרא ואחד תרגום, וואס דער ענין פון תרגום איז דאך, אזוי ווי עמא דבר (דעמולט) האט ניט פארשטאנען קיין לשון קודש, האט מען אפגעטייטשט אלע ענינים אין ארמית וואס דאס איז בזמניהם געווען דער שפה המדוברת, איז דאס דער ענין פון פשטות הכתובים, שטייט דאך אז איצטער איז מן המובחר פירוש רש"י, אז מ'זאל לערנען דער סדרה מיט פירוש רש"י ווארום דאס איז ענינו של רש"י אויף מפרש זיין יעדער ענין כפשוטו.

אויף וידבר ה' אל משה לך עלה מזה, וואס דאס רעדט זיך לאחרי חטא העגל ולאחרי כפרת חטא העגל, שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער לך עלה מזה, וואס לכאורה איז דא שווער: וויבאלד עס שטייט שוין "לך" איז נאך וואס שטייט דערנאך "עלה", דאס איז לכאורה איבעריק, און איז מפרש אז וויבאלד דא רעדט זיך וועגן אזא מין הליכה וואס איז "אל הארץ אשר נשבעתי לאברהם ליצחק וליעקב", איז דערפאר שטייט עלה, ווארום: א"י גבוה מכל הארצות, אז א"י איז העכער פאר אלע ארצות, ובמילא: לכך נאמר עלה, דערפאר שטייט ניט נאר דער ווארט לך נאר אויך עלה,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 602 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

דערנאך זאגט רש"י א צווייטער פירוש: ד"א כלפי שאמר לו בשעת הכעס לך רד א"ל בשעת רצון לך עלה, פארוואס שטייט דא דער לשון "עלה", ווארום וויבאלד אז פריער בשעת הכעס האט דער אויבערשטער געזאגט משה רבינו לך רד, רד מגדולתך, איז דערפאר ווען עס איז געקומען שעת רצון און מ'האט שוין מכפר געווען אויפן חטא, האט אים דער אויבערשטער געזאגט לך עלה, אז ער זאל צוריק עולה זיין לגדולתו.

דערביי זיינען אבער פאראן כמה דיוקים, וואס די ערשטע שאלה איז: פארוואס איז רש"י מעתיק אויך דעם ווארט מזה? וואס דאס איז שווער לויט ביידע פירושים ווארום רש"י איז ניט מפרש דעם ווארט "מזה", וואס מילא די ווארט "לך" האט מען פריער מבאר געווען אז דאס איז רש"י נוגע ווארום די גאנצע שוועריקייט וואס רש"י הארט דא אין פסוק איז אז וויבאלד עס שטייט שוין דעם ווארט לך איז נאך וואס דארף שטיין "עלה", אבער די ווארט "מזה" איז לכאורה אינגאנצן ניט נוגע אהערצו, איז פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק ניט נאר די ווערטער לך עלה נאר אויך די ווארט מזה?

ובפרט אז דערנאך שרייבט רש"י בפירושו פונקט דעם היפך פון די ווארט מזה, וואס רש"י זאגט א"י גבוה מכל הארצות, אז א"י איז העכער ניט נאר "מזה", נאר דאס איז גבוה מכל הארצות, איז לפי"ז נאך מער ניט מובן פארוואס רש"י מעתיק דעם ווארט מזה?

ואדרבא: פון וואנעט ווייסט טאקע רש"י אז א"י איז גבוה מכל הארצות? וויבאלד אז אין פסוק שטייט לך עלה מזה, איז נאר א ראי' אז א"י איז גבוה "מזה", פון דעם ארט וואו משה איז דעמולט געווען, אבער פון דעם פסוק איז קיין ראי' ניט אז א"י איז גבוה מכל הארצות, איז פון וואנעט נעמט דאס רש"י?

דערנאך קומט די קשיא הידועה: פארוואס דארף רש"י ברענגען ביידע פירושים? וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז די צווייטער פירוש איז ניט מספיק וואס דערפאר דארף רש"י אומקערן זיך צו דעם ערשטן פירוש, און די ערשטער פירוש איז מער קרוב אל הפשט וואס דערפאר ברענגט ער דאס אלץ פירוש ראשון.

דערנאך דארף מען פארשטיין: אויב מ'וועט זאגן אז מצד דערויף וואס א"י איז גבוה מכל הארצות דארף שטיין די ווארט עלה בשעת מ'רעדט וועגן גיין אין א"י, האט אזוי געדארפט שטיין אין א פריערדיקע מאל וואו די תורה רעדט וועגן גיין אין א"י, וואס פריער אין פ' וארא שטייט אז דער אויבערשטער האט געזאגט די ד' לשונות של גאולה והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי, און דערנאך שטייט "והבאתי אתכם אל הארץ" וואס דאס רעדט זיך וועגן א"י, האט געדארפט שטיין ניט דער לשון "והבאתי" נאר דער לשון "והעליתי" מצד דערויף וואס א"י איז גבוה מכל הארצות, פונקט ווי עס שטייט דא לך עלה, איז פארוואס דארטן שטייט דאס ניט?

און נאך כמה דיוקים וואס זיי וועלן זיין מתורץ עפ"י הביאור אין אט די דיוקים.

דערנאך שטעלט זיך רש"י אויף "אתה והעם" און ער זאגט א מאדנע זאך: כאן לא אמר ועמך, וואס רש"י זאגט דאס ניט אין א לשון קשיא און ניט אין א לשון תירוץ, ער מערקט נאר אן אז כאן לא אמר ועמך,

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז מצד איזה סיבה האט יע געדארפט שטיין ועמך, וואס דערפאר זאגט רש"י אז דא שטייט ניט ועמך, און ער דארף ניט מסביר זיין פארוואס, ווארום דער בן חמש למקרא פארשטייט דאס אליין, וויבאלד אז דא רעדט זיך נאכן כפרת חטא העגל, אז דער אויבערשטער האט שוין די אידן מוחל געווען, איז דערפאר האט דער אויבערשטער ניט געוואלט זאגן לך עלה מזה אתה ועמך, ווייל דאס וועט נאך אמאל דערמאנען אז ס'איז געווען דער ענין פון כי שחת עמך, דער חטא העגל, במילא האט דער אויבערשטער געזאגט אתה והעם כדי ניט דערמאנען נאך



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 603 הודפס ע"י אוצר החכמה

אמאל, לאחרי זה ווי עס איז שוין געווען די כפרה, אויפן חטא העגל,

מ'דארף אבער אויך פארשטיין ע"ד ווי אין די פריערדיקע רש"י: מיט א פאר פסוקים פריער שטייט אויך דער לשון "לך נחה את העם", וואס דארט שטייט ניט עמך, און רש"י זאגט דארט ניט "כאן לא אמר ועמך", וואס לכאורה, אויב רש"י וויל אנמערקן אז דא שטייט שוין ניט עמך, האט ער דאס געדארפט אנמערקן דעם ערשטן מאל וואו עס שטייט עם און ניט עמך, מיט צוויי פסוקים פריער, און ניט ווארטן ביז עס שטייט העם און ניט עמך צו דעם צווייטן מאל?

און אויב רש"י פארלאזט זיך אז דער קינד וועט שוין אליין פארשטיין פארוואס ער זאגט ניט ועמך, ווי מ'האט גערעדט פריער, אז וויבאלד דא האלט מען שוין נאכן כפרה אויפן חטא העגל האט דער אויבערשטער ניט געוואלט נאך אמאל דערמאנען זיך אויפן חטא וואס דערפאר האט ער געזאגט והעם און ניט עמך, ובמילא דארף רש"י גארניט זאגן ווארום דער בן חמש למקרא וועט דאס אליין פארשטיין, איז דער זעלבער זאך בשעת דאס שטייט צום צווייטן מאל העם און ניט עמך, וועט דער קינד אויך פארשטיין פארוואס, אן דעם וואס רש"י זאל עס אנמערקן אז דא שטייט ניט עמך, איז פארוואס דא דארף רש"י דאס יע זאגן?

און אט די אלע דיוקים דארפן זיין עפ"י פשטות הכתובים פאר א בן חמש למקרא, און רש"י דארף גארניט צולייגן מער ווערטער אויף דעם וואס ער זאגט, נאר במתק לשון רש"י ווערט פארענטפערט אט די אלע דיוקים, און אלץ בפשטות לשון רש"י, וכפי שיתבאר לקמן.

ו. דער טעם פארוואס רש"י איז מעתיק פון פסוק אויך די ווארט מזה איז ווייל אין פסוק איז שווער ניט נאר דער ווארט עלה נאר אויך די ווארט מזה: בפשטות קומט דער פסוק וידבר ה' אל משה לך עלה מזה בהמשך צו וואס דער אויבערשטער האט גערעדט פריער מיט משה רבינו, און וואו איז משה רבינו דעמולט געווען, איז בפשטות איז ער געווען בהר ווארום דער אויבערשטער האט גערעדט מיט משה רבינו אט די אלע ענינים זייענדיק בהר, ובהמשך לזה, בשעת משה איז נאך געווען בהר, האט דער אויבערשטער אים געזאגט לך עלה קיין ארץ ישראל, איז לפי"ז ניט פארשטאנדיק וואס ער האט אים געזאגט לך עלה "מזה", אז ער זאל גיין מזה, פון דעם הר, אין ארץ ישראל, בשעת ער וויל גיין אין א"י דארף ער פריער אראפגיין פון דעם הר און דערנאך ערשט קען ער גיין אל הארץ אשר נשבעתי, איז פארוואס שטייט לך עלה מזה?

איז אויף דעם זאגט רש"י אז א"י איז גבוה מכל הארצות, אז אפילו ווי משה רבינו שטייט אויפן הר דארף ער אויך ארויפגיין כדי ער זאל קומען אין א"י ווארום דאס איז גבוה מכל הארצות, און דערפאר שטייט לך עלה מזה, אפילו פון דעם הר, פון וואנעט ווייסט רש"י אז א"י איז גבוה ניט נאר פון דעם ארט וואו משה רבינו איז דעמולט געשטאנען נאר מכל הארצות? איז דאס אויך פון דעם ווארט מזה:

וויבאלד דער פסוק דערציילט אז דער אויבערשטער האט געזאגט משה רבינו דער ענין פון לך עלה דוקא בשעת משה רבינו האט זיך געפונען אין א מקום גבוה, בהר, ניט ווען ער האט זיך געפונען מיט אלע אידן ניט בהר, איז פארשטאנדיק אז דערמיט וויל דער פסוק דערציילן א גרעסערע חשיבות אין א"י, אז דאס איז ניט נאר גבוה פון דעם ארט וואס משה רבינו איז דעמולט געווען, נאר דאס איז גבוה מכל הארצות, וואס דערפאר ווארט די פסוק מיטן זאגן לך עלה ביז משה רבינו זאל זיין בהר, וואס א הר איז אליין א מקום גבוה, כדי מ'זאל וויסן די חשיבות פון א"י אז דאס איז גבוה מכל הארצות, ווארום אויב דאס וואלט געווען העכער נאר פאר דעם ארט וואו אידן זיינען דעמולט געווען, וואלט ער געקענט זאגן דער לך עלה אפי' בשעת משה איז ניט געווען בהר,

און דערפאר טאקע זאגט דער פסוק אן איבעריקע ווארט לך עלה מזה, וואס לכאורה וואלט געווען גענוג אז ער זאגט לך עלה אן דעם ווארט מזה, נאר דערמיט וויל דער פסוק מדגיש זיין אז אפילו מזה, פון א הר, דארף אויך זיין עלה, וואס דערפון ווייסט מען אז א"י איז גבוה מכל הארצות.

דער פירוש אליין איז אבער ניט מספיק, ווארום לפי"ז האט געדארפט שטיין די לשון עלה פריער אין פ' וארא וואו די תורה רעדט וועגן גיין אין א"י? וואס מ'איז טאקע ניט מחוייב אומעטום וואו די תורה רעדט וועגן גיין אין א"י צו זאגן דער לשון עלי', דאס קען שטייט איין מאל און דערפון ווייסט מען אויף אלע מאל אז א"י איז גבוה מכל הארצות, אבער עס לייגט זיך אז דער ענין האט געדארפט שטיין די ערשטע מאל וואו די תורה רעדט וועגן דעם און ניט ביי א שפעטערדיקע מאל, במילא האט געדארפט שטיין פריער, אין פ' וארא, ניט דער לשון "והבאתי" אתכם אל הארץ, נאר "והעליתי" אתכם אל הארץ ווארום א"י איז א מקום גבוה?

און אע"פ אז פון דארט וואלט מען ניט געוואוסט אז א"י איז גבוה מכל הארצות



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 610 הודפס ע"י אוצר החכמה

נאר מערניט אז דאס איז גבוה פון דעם ארט וואו אידן זיינען דעמולט געווען ווארום דארטן רעדט זיך ניט בהר און ס'איז ניטא דער דיוק מזה, אבער פונדעסטוועגן, וויבאלד אז בפועל איז א"י העכער פון מצרים, און פון מצרים קיין א"י דארף מען ארויפגיין, האט געדארפט שטיין דער לשון והעליתי אתכם?

וואס בדוחק וואלט מען דאס געקענט פארענטפערן אז אפילו אויב עס וואלט געשטאנען דער לשון והעליתי אתכם וואלט מען אויך ניט געוואוסט אט דער דיוק אז א"י איז א מקום גבוה, ווייל מ'וואלט געזאגט אז דאס וואס עס שטייט דער לשון "והעליתי" איז דערפאר וואס דעמולט איז מען ארויס פון גלות לחירות, איז אפילו אויב א"י איז למטה ממצרים פאסט אויך דער לשון והעליתי אתכם מצד דעם וואס מ'גייט ארויס פון א מצב של גלות אין א מצב של חירות, וואס דאס איז אן ענין של עלי',

מ'קען דאס אבער אזוי ניט פארענטפערן, ווארום וויבאלד אז בפועל איז א"י גבוה מכל הארצות, פאסט ניט דער לשון והבאתי נאר דער לשון והעליתי, איז אפילו אז מ'וואלט ניט געוואוסט פון דעם אז א"י איז העכער, וויבאלד אבער אז בפועל איז דאס אזוי מוז שטיין דער לשון והעליתי?

וואס דערפאר ברענגט רש"י א צווייטער פירוש, אז דאס וואס שטייט דער לשון לך עלה איז דאס דערפאר וואס בשעת הכעס האט דער אויבערשטער געזאגט משה רבינו לך רד מגדולתך, איז כלפי זה האט ער אים געזאגט בשעת הרצון לך עלה, אז איצטער קען ער צוריק ארויפגיין לגדולתו, און לויט די צווייטער פירוש איז דאס וואס א"י איז גבוה מכל הארצות, איז ניט אין דערויף באשטייט די עיקר מעלה פון א"י, אויב דאס איז בכלל א מעלה, אז מצד דעם זאל דער פסוק זאגן דער לשון עלה, נאר די מעלה פון א"י איז דאס וואס עס איז אן ארץ זבת חלב ודבש ווי ער זאגט דא אין פסוק, און דאס וואס עס שטייט דער לשון לך עלה, מיינט דאס אז איצטער קען ער צוריק ארויפגיין לגדולתו.

דער פירוש אליין איז אבער אויך ניט מספיק, ווארום די פסוק זאגט דאך בפירוש אז דער לך עלה איז אל הארץ אשר נשבעתי לאברהם ליצחק וליעקב, און אויב מ'זאגט אז דער לך עלה מיינט ער זאל ארויפגיין לגדולתו, אין דער מצב ווי ער איז געשטאנען פארן חטא, דעמולט האט דאס ניט קיין המשך צו דאס וואס שטייט ווייטער אין פסוק אל הארץ אשר נשבעתי?

וואס דערפאר קערט זיך אום רש"י צו דעם ערשטן פירוש אז דער לך עלה איז טאקע פארבונדן מיט א"י, אז א"י איז גבוה מכל הארצות, און דער פירוש איז מער קרוב אל הפשט וואס דערפאר ברענגט אים רש"י אלץ פירוש ראשון.

דער פירוש אליין איז אויך ניט מספיק, ווי גערעדט פריער, און אויך, נאך א זאך וואס איז שווער לויטן ערשטן פירוש: פארוואס טאקע געפינט מען ניט אז דער אויבערשטער האט מתיר געווען דעם ענין פון לך רד לאחרי זה ווי אידן האבן תשובה געטאן אויפן חטא העגל? וואס דערפאר ברענגט רש"י דעם צווייטן פירוש אז מיט דעם ענין פון לך עלה האט דער אויבערשטער טאקע מתקן געווען דעם ענין פון לך רד (אינו ברור).

עפי"ז שטורעמט אבער דער בן חמש למקרא: וויבאלד אז לויטן פירוש שני קומט דער לך עלה מתקן זיין דעם ענין פון לך רד וואס דער אויבערשטער האט געזאגט משה רבינו בשעת החטא, איז פארוואס געפינט מען ניט אז דער אויבערשטער האט מתקן געווען אלע אידן? וואס בשעת החטא האט דער אויבערשטער געזאגט משה רבינו לך רד כי שחת עמך, איז בשעת ער זאגט דא לך עלה אויף מתקן זיין דער לך רד, האט ער אויך געדארפט מתקן זיין דער כי שחת עמך?

און אויף דעם זאגט רש"י ווייטער אויף אתה והעם אז כאן לא אמר ועמך,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 611 הודפס ע"י אוצר החכמה

אז אט דאס מיין איך טאקע, פונקט ווי עס שטייט לך עלה בנוגע צו משה רבינו, איז אזוי איך זאגט רש"י בהמשך צו דעם צווייטן פירוש אויף אתה והעם אז כאן לא אמר ועמך נאר עס שטייט סתם והעם ניט ווי עס שטייט בשעת החטא, וואס דערמיט האט מען מתקן געווען אלע אידן, אז אידן דערויף באשטייט די עלי' וואס איז געווען ביי אלע אידן, אז מ'האט זיי שוין ניט אנגערופן עמך, נאר מ'האט זיי גערופן והעם.

עס בלייבט נאך אבער אלץ די קשיא: רש"י האט געדארפט זאגן אט דער ענין אז כאן לא אמר עמך בשעת עס שטייט דער לשון העם מיט א פאר פסוקים פריער, און ניט ווארטן ביז עס שטייט העם צו דעם צווייטן מאל?

און אויך איז ניט פארשטאנדיק: עס קען דא גארניט שטיין דער לשון עמך, ווארום פריער אויך כי שחת עמך זאגט רש"י אז דאס מיינט דער ערב רב וואס משה רבינו האט אליין ארויסגענומען ממצרים, אז די ערב רב זיינען געווען די וואס האבן געמאכט דעם עגל, איז וויבאלד אז דא רעדט מען שוין נאך דעם וואס מ'האט גע'הרג'ט כשלשת אלפים איש, און אויך נאך דעם וואס עס איז געווען דער ויגף ה' את העם על אשר עשו את העגל ווי עס שטייט מיט א פסוק פריער, איז שוין דער ערב רב ניט געווען, איז וואס זאגט רש"י אז כאן לא אמר ועמך, עס קען דא גארניט שטיין ועמך ווארום עמך (דער ערב רב) איז שוין דעמולט ניט געווען?! וואס איז דא רש"י'ס אויפטו אז כאן לא אמר ועמך? וכפי שיתבאר לקמן.

אויף אומקערן זיך צו דער רש"י: דאס וואס דא האט געדארפט לכאורה שטייען ועמך, אע"פ אז דער ערב רב איז שוין דעמולט ניט געווען לכאורה, איז פארשטאנדיק פון דעם וואס רש"י זאגט פריער אויף ויגף ה' את העם אז דאס איז געווען מיתה בידי שמים לעדים בלא התראה, ווארום דאס וואס עס ווערט דערציילט פריער אז די בני לוי האבן גע'הרג'ט כשלשת אלפים איש, דאס איז די וואס זיינען געווען בעדים ובהתראה ווארום מ'קען געבן מיתה בידי אדם נאר בשעת ס'איז דא עדים והתראה ווי דער בן חמש למקרא האט שוין פריער געלערנט, און דערנאך איז געווען דער ויגף ה' אט די וואס זיינען בעדים אן התראה, וואס מיתה בידי אדם האט מען זיי ניט געקענט געבן, איז געווען דער ויגף, מיתה בידי שמים.

דערנאך אבער זיינען געווען די וואס האבן עובר געווען אן עדים און אן התראה, ווארום ס'איז דאך בל ימלט אז פון די אלע וואס האבן חוטא געווען זיינען ניט געווען אזעלכע וואס האבן ניט אוועק געשטעלט זאגן דאס ברבים, עס איז זיכער געווען אזוינע וואס האבן עובר געווען אן עדים אינגאנצן, וואס זיי האבן שוין ניט באקומען אן עונש ווארום ס'איז געווען אן עדים און התראה, נאר זיי זיינען געבליבן לעבן,

און דאס באווארנט רש"י אז דא האט לכאורה געדארפט שטייען ניט העם נאר ועמך, אט די פון דעם ערב רב וואס זיינען געבליבן לעבן,

פארוואס באווארנט דאס ניט רש"י פריער? ווארום דארטן איז דער אויבערשטער ניט מדייק זאגן עמך, ווארום ער דארף דאס ניט אלע מאל מדייק זיין, והראי' עס שטייט דאך ויגף ה' את העם און עס שטייט ניט עם משה, איז פארשטאנדיק אז ניט אלע מאל ווען מ'רעדט וועגן דעם ערב רב דארף מען זאגן עמך, ובפרט אז דאס וואס עס שטייט פריער לך נחה את העם מיינט ער דאך ניט נאר דעם ערב רב נאר ער מיינט דאך אלע אידן, און וויבאלד ער מיינט אלע אידן, אויך די וואס האבן ניט חוטא געווען בחטא העגל, זאגט ער סתם העם,

אבער דא פרעגט דער בן חמש למקרא אז ער האט דאך געדארפט בדוקא מדייק זיין זאגן ועמך, ווארום וויבאלד אז מיט די ווערטער לך עלה וויל דער אויבערשטער מתקן זיין דאס וואס איז געווען בשעת החטא, אט דאס וואס ער האט געזאגט משה רבינו לך רד, האט ער געדארפט צוזאמען דערמיט מתקן אלע אידן וואס האבן דערביי עובר געווען, ער דארף דאך מתקן זיין אט דאס וואס ער האט פריער געזאגט לך רד כי שחת עמך, במילא האט ער געדארפט מדייק זאגן לך עלה אתה ועמך?

זאגט רש"י אז דער דיוק איז פונקט א פארקערטער, אז כאן לא אמר ועמך, אז מיט דעם וואס ער זאגט ניט ועמך אזוי ווי ער האט פריער געזאגט כי שחת עמך, נאר ער רופט זיי אן העם, איז דערמיט נעמט ער אראפ אט דאס וואס איז פריער געווען, אז זיי הייסן שוין ניט עמך נאר והעם.

און דערפאר איז רש"י מעתיק אויף דעם ווארט אתה, וואס לכאורה איז רש"י מפרש נאר דער ווארט והעם, פארוואס איז ער מעתיק פון פסוק אויך דעם ווארט אתה? נאר אט דאס זאגט רש"י: פונקט ווי דער אויבערשטער האט מתקן געווען אתה, משה רבינו, מיט דעם וואס ער האט אים געזאגט לך עלה מזה, איז אזוי אויך איז ער מתקן "העם", אלע אידן מיט דעם וואס עס שטייט ניט עמך ווי ער האט פריער געזאגט כי שחת עמך, נאר עס שטייט דוקא העם, וואס אין דערויף באשטייט די עלי'.



הנחה פרטית בלתי מוגה

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 614 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס כאן המקום אויף צו דערציילן דער סיפור מיטן רבי'ן מהר"ש, א סיפור וואס דער רבי דער נשיא האט דערציילט, אז דער רבי מהר"ש האט אמאל געזאגט אז די וועלט מיינט אז עס איז א שווערע זאך געבן א ברכה און דאס קען טאן נאר א צדיק, אבער דער אמת איז אז יעדער איד קען ממשיך זיין א ברכה ע"י תפלתו, אזוי איז דער סיפור בקיצור און מ'דארף דאס ניט דערציילן באריכות ווארום די ספור איז שוין דא מסתמא אין די געדרוקטע, ועכ"פ אין די קופירטע איז דאס זיכער פאראן, קען דאס יעדער איינער נאכקוקן,

און דאס איז אויך וואס רש"י זאגט דא אתה והעם, אז מ'פארגלייכט העם צו אתה, צו משה רבינו, וואס לכאורה איז דאס ניט פארשטאנדיק, משה רבינו איז געווען דער וואס האט אויסגע'פועל'ט דער סליחה ומחילה פאר אלע אידן אויפן חטא העגל וואס איז געווען בדוגמא צו דעם חטא עה"ד, ער האט אויפגעטאן דער וסלחתי כדבריך, איז ווי קען מען זאגן אתה והעם, מ'פארגלייכט אלע אידן צו משה רבינו,

און אעפ"כ זאגט מען אז דער ענין איז אזוי, און ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין תניא אז ס'איז דא דער משה שבכל אחד ואחד, וואס דערפאר זאגט מען אז לגבי אלע אידן איז יראה א מילתא זוטרתי היא ווי די גמרא, ווארום וויבאלד אז לגבי משה איז דאס א מילתא זוטרתי, איז יעדער איד האט א ניצוץ פון משה רבינו וואס לגבי דעם איז דאס וואס דער אויבערשטער איז שואל פון אידן איז א מילתא זוטרתי,

און דאס געפינט זיך ביי אים בגלוי, ווארום ער וואלט געדארפט האבן א יגיעה און אן עבודה אויף מגלה זיין דער משה שבו, וואלט דאס ווייטער ניט געווען קיין מילתא זוטרתי, מוז מען דאך זאגן אז דאס איז פאראן ביי אים בגלוי, אדער עכ"פ ער דארף אויף דערויף ניט הארעווען,

און מצד דעם זאגט מען אז יעדערער קען ממשיך זיין א ברכה ע"י תפלתו, און ניט א ברכה פאר זיך און פאר בני ביתו, נאר פאר אלע אידן, אפילו פאר א איד וואס געפינט זיך בקצוי תבל, (חסר הסיום).

כ"ק אדמו"ר שליט"א התחיל לנגן "בני היכלא", ואחר כך בירך ברכה אחרונה, וכשעמד לצאת, רמז בידו הק' להמשיך את הניגון.

--------------- * ------------



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"א א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 615 הודפס ע"י אוצר החכמה

משיחת חגה״ש תשכ״ד

דער יסוד הביאור אין דעם איז דעם רבי'נס (מהורש"ב) נ"ע א שיטה, געדרוקט אין תורת שלום. וואס ער רעדט דארטן וועגן דעם ענין פון תהו - כמרז"ל מלמד שהי' סדר זמנים קודם לכן - שבה"כ ביז אז ס'איז געווארן מציאות הקליפות. זאגט ער דארטן, אז ווי אזוי איז געווארן די מציאות הקליפות - פון דעם וואס דיך לא הניין לי', און למעלה איז פון לא הניין לי' ווערט אויך נתהווה. (חסר)

ובזה יובן הפלוגתא שבמכילתא. דהנה בעבודה דל"ת קען זיין צוויי אופנים: א) אז כל עבודתו איז מצד קבלת עול, איז איז קיין נפ"מ ניט וואס פאר א מצוה דאס איז, וכמאמר אילו נצטוינו לחטוב עצים וואלט מען עס געטאן מצד קבלת עול, אזוי ווי מען לייגט היינט תפלין וכו', ובשעת אז כל עבודתו איז מערניט ווי מצד מציאות האדון, איז אים קיין נ"מ ניט וואס דער אדון זאגט אים, צי הן צי לאו, וכמ"ש אם כה יאמר לא חפצתי (איז אויך) הנני, און דעריבער איז אויך אויף לאו זאגט ער הן, ווארום דאס וואס ער טוט ניט די עבירה, איז עס ביי אים ניט קיין ענין פון ריחוק מהרע, "לאו", נאר קיום רצון האדון, "הן".

ב) עבודתו איז בענין הגילויים כו'. וואס דעמולט שטייט ביי אים כללות קיום המצות אין צוויי קוים: בשעת עס רעדט זיך וועגן עשה און קדושה איז לויפט ער צו דעם מיט א תיות, הוה רץ למצוה קלה, ובשעת עס רעדט זיך וועגן אן ענין פון רע, היפך הקדושה, איז ער דעמולט בורח מן העבירה, ער שרייט "לאו".

וואס דאס איז דאך דער הסבר בפלוגתת ר"י ור"ע בענין ההרגש שמצד עבודת האדם, אז בשעת עבודתו איז בענין הגילויים כו', איז קיום מ"ע און קיום מל"ת זיינען ביי אים צוויי קוים, און בשעת עבודתו איז מצד קבלת עול מלכות שמים, וואס ער איז איבערגעגעבן צום אדון, איז ביי אים ניטא קיין חילוק פון קיום מ"ע ביז קיום מל"ת, אין יעדער ענין וואס ער טוט הערט ער דעם מציאות האדון, וואס ער איז "הן", אמיתית המציאות.

אמנם, פלוגתת ר"י ור"ע איז אויך בנוגע ווי מען קוקט אויף מציאות הרע. (לשלימות הענין ראה לקו"ש ח"ו פ' יתרו (ב)).

און דאס איז די פלוגתא פון ר"י ור"ע: ר"י האלט אז וויבאלד תורה איז געגעבן געווארן למטה אין וועלט, (וואס אפילו בשעת מ"ת איז דאך וירד הוי' על הר סיני, ובפרט נאך אז דער תכלית פון מ"ת איז אז נאך דעם גילוי דמ"ת זאל מען מקיים זיין תומ"צ), און מצד וועלט איז דאך קליפה אן ענין של העדר און די עבודה איז אנטלויפן פון רע, דעריבער האלט ר"י אז זיי האבן געענטפערט על לאו לאו. משא"כ ר"ע האלט, אז כאטש טאקע וירד הוי' על הר סיני איז דאך אבער ואל משה אמר עלה, אז אידן האבן געקוקט פון אונטן ארויף ווי די ענינים זיינען מצד אלקות, אז מצד אלקות איז דאך ניט שייך קיין ענין של מנגד והעדר, יעדער זאך (גם ההסתר של הקליפות כו', היינו הניצוצות שבהם) איז דער מציאות העצמות, וואס ער איז דער אמיתית המציאות - "הן".

- וואס דאס איז דער פירוש פון "על לאו הן" עפ"י חסידות. (סיי מצד עבודה, אז אויך קיום הל"ת איז מצד די איבערגעגעבנקייט צום



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 420 הודפס ע"י אוצר החכמה

אום אויבערשטן כו׳, סיי מצד דעם קוק אויף רע, שאי"ז ענין של
העדר כו׳). וכפשוטו איז דער פשט, אז בשעת אידן האבן געהערט די
עשה"ד מפי הגבורה, וואס למעלה איז דאך לא יגורך רע, איז בשעת
אז מפי הגבורה קומט דער דיבור לא תרצח, לא תגנוב וכו׳, איז דאך
דאס ניט קיין ענין פון רציחה וגניבה נאר דאס איז א ציווי פון
אויבערשטן אז לא תרצח ולא תגנוב, און ציווי של הקב"ה איז דאך
ענינו "הן" -

ועפי"ז וועט ווערן אויך פארשטאנדיק, פארוואס חזר׳ט איבער
ר"ע נאך אמאל די ווערטער "על הן הן", דלכאורה, איז דאך זייער
גאנצע פלוגתא מער ניט: וואס האבן אידן געענטפערט על לאו, אז ר"י
האלט אז זיי האבן געענטפערט לאו, און ר"ע האלט אז זיי האבן
געענטפערט הן, אבער אין דעם וואס זיי האבן געענטפערט על הן,
האלט דאך ר"ע די זעלבע זאך ווי ר"י, איז נאך וואס זאגט ר"ע
על הן הן?

ועפ"י הנ"ל יובן, אז זייער פלוגתא איז אויך וואס מען
האט געענטפערט על הן: לדעת ר"י איז דאס וואס זיי האבן געענטפער
"הן", איז דאס א הן פון מטה, (וואס דעריבער איז דער "הן"
געטיילט פון "לאו"), און לדעת ר"ע איז דער "הן" וואס זיי האבן
געענטפערט איז דער "הן" פון אמיתית המציאות (וואס דעריבער אי
ניטא קיין חילוק פון על הן ביז על לאו, ווייל מצד עצמות איז
הכל בשוה, אלץ איז דער אמיתית המציאות).

משיחת ש״פ שמות תשל״ו

יעדער ענין דארף זיך דאך אפשפיגלען אין נגלה דהורה, ועד"ז בנוגע לענינינו, איז דא א כאבר פלא אין כדרש בנוגע צו די פרים וואס זיינען געווען ביי אלי' הנביא: דער פר וואס ער האט כקריב געווען לה', און דער פר וואס כהני הבעל האבן כקריב געווען לע"ז:

אוצר החכמה

וואס ער דערציילט אין כדרש (בכדב"ר פכ"ג, ט) אז דער פר וואס כ'האט געוואלט מקריב זיין לע"ז האט ניט געוואלט גיין, ביז אז אלי' הנביא איז געקומען און האט געזאגט דעם פר ער זאל גיין ווערן א קרבן צו ע"ז, ווארום אזוי ווי דורך דעם פר וואס כ'איז כקריב לה' וועט נהקדש ווערן שמו של הקב"ה, אזוי אויך דורך דעם פר וואס כ'וועט בקריב זיין לע"ז וועט אויך נהקדש ווערן שבו של הקב"ה, און דאס וועט פועל'ן אז אידן וועלן זאגן "ה' הוא האלקים ה' הוא האלקים" (כלכים א' יח, לט).

וואס די צוויי פרים זיינען דאך בן הקצה אל הקצה: איין פר האט כען כקריב געווען לה', און ער האט אויף זיך די קדושה פון א קרבן עולה - קדשי קדשים, אע"פ אז כ'האט דאס מקריב געווען בהוץ - אין הר הכרכל, איז דאך דאס געווען א הוראה שעה פון א נביא, און ער האט דאס כקריב געווען אלס א קרבן עולה: און דער צווייטער פר האט כען כקריב געווען לע"ז, איז ער דאך אסור בהנאה וכו', זיינען זיי דאך בן הקצה אל הקצה, און אעפ"כ זאגט כען אז ס'דארף זיין די עבודה פוןביידע פרים, און אויך די עבודה פון דעם פר של ע"ז איז נוגע צו דעם ענין פון "ה' הוא האלקים" כדלקמן.

וואס דערפון דארף דאך זיין א הוראה צו יעדערן, און ס'דארף אויך זיין א הוראה פון דעם ענין ההבדלה (וואס כ'האט גערעדט פריער), און די הוראה דארף זיין צו יעדערן, אפי' צו דעם וואס האט נאך ניט געלערנט דעם ביאור פון אלטן רבי'ן אין שעהיוה"א, ווארום ער זאגט דאך אויך אין דאווענען "אתה הונן לאדם דעה", און "אתה הונהנו" מיט דעם ענין ההבדלה, דארף דערפון זיין א הוראה.

וואס די הוראה איז: בשעת מ'זאגט א אידן אז ס'איז דא אן עבודה פון כקריב זיין דעם פר לה', און ס'איז דא אויך א עבודה וואס איז פארבונדן מיטן פר של ע"ז - וואס אין עבודה איז דאס דער נה"ב - און

- כ'זאגט -

<u>הנהה הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 383 הודפס ע"י אוצר החכמה

אוצר החכמה

כ'זאגט אים אז דורך די עבודה מיט דעם פר, פועל'ט ער אויף די וואס פוסחים על שתי הסעיפים אז אויך זיי זאלן זאגן "ה' הוא האלקים";

קען ער דאך טענה'ן אז ער וויל ניט האבן צוטאן כיטן צווייטן פר - באווארענען פון עניינים של ע"ז וכו', ער וויל בלכתחילה ניט האבן צוטאן מיט אזא ענין, ווארום ס'איז דאך אן ענין וואס איז פארבונדן מיט ע"ז, און ס'איז אסור בהנאה, מיט אלע גדרים וואס תורה זאגט אויף אן ענין פון ע"ז, טענה'ט ער מה לי ולצרה הזאת, פארוואס זאל ער דארפן טאן אין דעם ענין פון באווארענען פון ע"ז וכו',

און ניט אז ער טענה'ט אז ער וויל גארניט טאן - ער וויל טאן אין דעם פר לה', וואס דאס איז קדשי קדשים, און דאס פועל'ט אויך בחוץ וכו', און לא בשופטני עסקינן; ער פארשטייט די מעלה פון די עבודה מיט דעם פר לה', וועט ער זיך זיכער אנכאפן אן דער עבודה, און וועט דאס טאן בברץ הכי גדול, און בזריזות ובחשק, און וועט ניט וועלן טאן אין די עבודה פון דעם צווייטן פר.

אויף דעם זאגט מען אים אז ס'דארף זיין די התעסקות אויך מיט דעם צווייטן פר, ווארום דאס איז אויך נוגע צו דעם ענין פון "ה' הוא האלקים", ובמילא דארף ער טאן אין די עבודה פון דעם פר של ע"ז - מבדיל זיין און מפריש זיין א אידן פון עניינים של ע"ז, און פועל'ן אויף אים ער זאל זיין סר מרע.

ואדרבה, די עבודה מיט דעם פר של ע"ז דארף זיין נאך פאר דער עבודה פון דעם פר לה', ווי ס'איז געווען בא אלי' הנביא אז ער האט געהייסן אז פריער זאלן כהני הבעל מקריב זיין זייער פר לע"ז, און דערנאך וועט ער מקריב זיין דעם פר לה', וואס דער סדר איז געווען עפ"י רצון פון אלי' הנביא.

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק פארוואס האט ער זיי געזאגט מקריב זיין פריער זייער פר, ער איז דאך זיי מכשיל אין דעם ענין פון ע"ז - וואס בפשטות זיינען כהני הבעל געווען אידן (ניט גויים), איז ער זיי מכשיל אין ע"ז, וואס דאס איז אסור בהנאה, און איז מטמא וכו', און ביי זיי איז אויך געווען "ויתגודדו וגו'", וואס דאס זיינען דאך עניינים וואס מ'איז חייב אויף זיי סקילה, איז פארוואס האט ער זיי געהייסן מקריב זיין פריער זייער פר לע"ז?

ובפרט אז דא האט מען געדארפט אנקומען צו א נס מיוחד, ווי ער דערציילט אין מדרש (יל"ש מלכים רמז ריד) אז כהני הבעל האבן געשיקט חיאל האלי ער זאל זיך באהאלטן אונטער דעם מזבח, און ער זאל אנצינדן א פייער אין דעם מזבח, נאר דער אויבערשטער האט געמאכט א נס אז בא נחש והיכישו; איז דאך נאך מער ניט פארשטאנדיק ווי האט אלי' הנביא געהייסן זיי זאלן פריער מקריב זיין זייער קרבן, ס'איז דאך אין סומכין על הנס (פסחים סד, ב)?

- לכאו' האט ער געדארפט מקריב זיין פריער דעם קרבן לה', ע"ד ווי משה רבינו האט זיך געפירט ביי מכת כנים, אז ער האט ניט געווארט ביז די חרטומים וועלן דאס מאכן פריער, נאר מלכתחילה האט ער דאס געטאן און דערנאך בשעת זיי האבן אויך געוואלט מאכן אזוי, און זיי האבן געזען אז זיי קענען דאס ניט טאן, האבן זיי געמוזט מודה זיין אז "אצבע אלקים היא (וארא ח, טו), האט דאך אלי' הנביא אויך געדארפט מקריב זיין פריער דעם פר לה'?

- אעפ"כ -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 384 הודפס ע"י אוצר החכמה

אעפ"כ זעט מען אז דער סדר איז געווען אז פריער האבן כהני הבעל מקריב געווען דעם פר לע"ז, און ערשט דערנאך האט אלי' הנביא מקריב געווען דעם פר לה', ווארום דער סדר איז אז פריער דארף זיין סור מרע, און דערנאך עשה טוב.

און אויב דאס איז געזאגט געווארן ביי אלי' הנביא ווען ס'האט זיך געהאנדלט וועגן מקריב זיין א פר לע"ז, איז דאך עאכו"כ בנוגע צו דעם ענין וואס מ'דארף באווארענען און פועל'ן אויף א אידן ער זאל ניט האבן קיין שייכות צו אן ענין של ע"ז (שזהו העבודה דהפר דע"ז), האט מען דאך דא א הוראה מפורשה אז מ'דארף טאן אין דעם ענין, ואדרבה, נאך פאר די עבודה פון הקרבת הפר לה'.

ובכובן אז ס'רעדט זיך ניט דוקא וועגן באווארענען א אידן פון ע"ז, נאר עד"ז דארף מען באווארענען א אידן ער זאל ניט האבן קיין שייכות צו אין אדם עובר עבירה אא"כ נכנס בו רוח שטות (סוטה ג, א), ווארום דער אלטער רבי איז דאך מבאר אין תניא (פכ"ד) אז יעדער ענין של עבירה איז דאס אזוי ווי ע"ז, און ער איז דאס מבאר בפשטות אין אן אופן וואס איז פארשטאנדיק אפי' צו א בן חמש למקרא.

איז דאך פארשטאנדיק די הוראה דערפון, אז מ'דארף טאן אין דעם ענין פון באווארענען א אידן ער זאל זיין א סר מרע, און אפי' אויב מ'דארף פארמאכן די גמרא אדער דעם ביכל חסידות לפי שעה - ווארום וויבאלד אז ער דארף עפעס פועל'ן אויפן זולה, דארף ער דאך רעדן בדברים היוצאים מהלב, דארף דאך דאס נעמען צייט, און מ'קען ניט טאן ביידע ענינים צוזאמען - אעפ"כ איז דאס אלץ כדאי כדי צו פועל'ן אויף א אידן ער זאל זיין סר מרע.

וואס דאס איז די הוראה פון דעם סיפור פון אלי' הנביא, וואס דאס איז דאך געווען בזמן שביהמ"ק הי' קיים. ובעיקר דארף דאס זיין עפ"י הוראה רבותינו נשיאנו, כידוע דעם סיפור כיצד חלום וכו' - אז דער ענין פון דעם אלטן רבי'ן איז צו מאכן בעלי תשובה (ראה תורת שלום ע' 86). ועד"ז איז געווען די הוראה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר - דער בעל ההילולא פון יו"ד שבט. וואס דערפאר דארף זיין די התעסקות אין דעם ענין פון קירוב רחוקים.

ובפרט בנוגע צו די וואס זוכן, ד.ה. אז זיי ווייסן אז זייער מעמד ומצב איז ניט גוט, געפינען זיי זיך אין א תנועה פון אסורה מעם - פון דעם פריערדיקן מצב, ע"כ להתקרב לכאן, מ'דארף זיי נאר באווייזן וואו דער "כאן" איז. וכידוע די שיחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (סה"ש תש"ב ע' 46) עה"פ "אסורה מכאן" (אין היינטיקער פרשה).

איז פארשטאנדיק דער יוקר וואס איז דא אין דער עבודה, ואשרי חלקם פון די וואס טוען אין דעם - פועל'ן אויף א אידן ער זאל זיין סור מרע.

ויה"ר אז די וואס באיזה סיבה שהי' האבן זיך ניט עוסק געווען אין דעם, איז פון דעם ענין פון כ"ד טבת, און דער שבת וואס איז ערב כ"ד טבת, און אויך שב"מ שבט - זאלן זיי אויך נתעורר ווערן, און מכאן ולהבא וועלן זיי אויך טאן אין דעם ענין.

און ניט ווי די וואס טענה'ן אז וויבאלד יענער וויל ניט נתקרב ווערן, דארף מען אויף אים ניט משפיע זיין וכו', נאר זיכער אז מ'דארף טאן אין דעם, ובפרט אז דא רעדט זיך ניט אין א פאל וואס יענער וויל ניט - יענער איז א תינוק שנשבה, ער איז ניט שולדיק אין דעם וואס ער

- געפינט -

<u>בנחת הה' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 385 הודפס ע"י אוצר החכמה